# קול חינוך הטהור

יום חינוך הטהור

למען קיום מוסדותינו הק׳ "יטב לב דרבינו יואל" שהם יסוד החינוך הטהור בארץ הקודש

ערשיינט אין בעפארגרייטונג צום
מגבית "חינוך הטהור" לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק

בעזהשי"ת | פרייטאג פרשת בהר, י׳ אייר תשע"א | ספעציעלע אויסגאבע




# א קאנווערט און א "סטעמפ" איז גארנישט ווערד

א אידל קומט אריין אין פאסט אפיס, האלטנדיג אין זיין האנט א דיקן ענוועלאופ וואס ער וויל ארויסשיקן אויף די מרחקים.

אלעס איז גרייט, די ענוועלאופ איז שוין אפילו פארזיגלט, און ס'האט שוין אויך אויף זיך א 'סטעמפ', און דערנעבן אויפגעשריבן די פונקטליכע אדרעס וואו דאס דארף אפגעליפערט ווערן.

ענדליך קומט זיין רייע, און ער גיט איבער דעם ענוועלאופ צום פאסט-מייסטער.

דער פאסט-מייסטער וועגט אפ דעם פעקל, און דאן רופט ער זיך אן: "אנטשולדיגט מיר ר׳ איד, אבער די 'סטעמפ' איז נישט גענוג פאר אזא דיקן ענוועלאופ. מיט דעם 'סטעמפ' קען מען נישט ארויס שיקן די פעקל, סיידן איר נעמט עפעס ארויס, אדער צאלט איר צו פאר'ן 'סטעמפ'".

דער אידל שטייט פארצווייפלט. ער טראכט אהער און אהין, "וואס טוט מען דא", זיין טאש איז אים אבער ליידיג יעצט, ער איז נישט געווען גערישט אויף אזא דילעמע.

ער בעט צוריק דעם ענוועלאופ אויף א רגע, ער עפנט דאס אויף און הויבט אן איבערקוקן יעדן איינציגן דאקומענט און בריוול. מיט ישוב הדעת קוקט ער איבער און פראבירט צו באשליסן וואס ס'איז יא וויכטיג און וואס ס'איז נישט אזוי וויכטיג אויפן מאמענט.

ער קוקט אהער און אהין, ער נישטערט אלעס אדורך מיט פארזיכטיגקייט, איינמאל און נאכאמאל, און ער קומט צו די מסקנא: "אלעס איז וויכטיג. כ'קען גארנישט אוועקנעמען. איין זאך וואס מ'קען אראפנעמען" – זאגט דער אידל פאר'ן פאסט-מייסטער – "איז דער 'סטעמפ', אויסערדעם איז אלעס וויכטיג".

ענטפערט אים דער פאסט-מייסטער מיט א געלעכטער: יא, יא! אבער דאס איז די וויכטיגסטע זאך, און

אן קיין 'סטעמפ' קען נישט דער ענוועלאופ ארויסגעשיקט ווערן...

אט דער משל זאגט דער הייליגער חפץ חיים זי"ע איבער די נחיצות פון צדקה, אז א איד זאל וויסן אז דאס אזוי די וויכטיגסטע זאך פון אלע הוצאות, דאס איז ווי א 'סטעמפ', וואס אן דעם גייט גארנישט, און דאס ברענגט אראפ השפעות און שטוב.

יעדער איד האט זיך זיין פילן פעקל וואס ער שיקט יעדן טאג ארויף צום באשעפער. אין דעם ליגט אלע זיינע בקשות, צי געזונט, פרנסה, ישועות און רפואות, הצלחה, נחת און אזוי ווייטער. די איינציגסטע זאך וואס קען ארויפפירן דעם פעקל איז א "סטעמפ". אויב אבער האט עס נישט קיין סטעמפ איז זייער שווער אז דער פעקל זאל אנקומען שנעל און צום ריכטיגן פלאץ.

דער משל און דער נמשל איז זייער טרעפליך און ספעציעל צוגעפאסט צום היינטיגן מצב.

ליידער לעבט מען אין א שווערע וועלט, מ'פלאגט זיך זייער שטארק אויף פרנסה, די הוצאות האלטן אין אין שטייגן, ווידעראום די הכנסות וואקלען, ובאו מים עד נפש.

ובפרט לעצטנס איז דער מצב פיל ערגער אין ליכט פון דער עקאנאמישער קריזיס אין די וועלט, וואס טוט אפעקטירן יעדן איינעם אין פארשידענע היזיכטן.

יעדער ראש המשפחה דערקענט דאס זייער גוט ביי זיין אייגענעם בודזשעט, ווי די לעבנס וויכטיגע הוצאות זענען דראסטיש געשטיגן, ולעומת זה, די הכנסות זענען שטיין געבליבן ביים אלטן, אויב נישט געפאלן. דער דורכשניטליכער ציבור פלאגט זיך אויסערגעווענליך צו דעקן די אייגענע בילס, די געז און לעקטער, אינשורענס און קרעדיט, וכדומה וכדומה.

אין אזא שווערע תקופה פאדערט זיך די ריכטיגע התבוננות און חשבון הנפש, גוט אריינצוטראכטן און האבן די אויפריכטיגע השקפה ביים מאכן א סך הכל פון אלע הוצאות והכנסות, כדי חלילה נישט אוועקצואווארפן די 'סטעמפ' וואס איז די וויכטיגסטע זאך פון אלעם, און אן דעם איז דער ענוועלאופ גארנישט ווערד...

דער מצב איז היינט, אז מ'דערזעט זיך ליידער מיט א דיקן ענוועלאופ וואס מ'קען נישט ארויסשיקן. ס'איז פיל פון אלע זייטן, מיט אומצאליגע בילס און הוצאות אן א שיעור, און ס'פעלט פון די הכנסות...

אין אזא תקופה קען אפשר אויפקומען א פאלשע השקפה אז דער פשוט'ער שכל זאל זאגן: נו, לאמיר זען וואס ס'איז יא וויכטיג און וואס נישט. 'מארטגעדזש/רענט' איז דאך אוודאי וויכטיג, ווייל אן דעם איז דאך נישטא קיין דאך איבער'ן קאפ... 'געז און לעקטער' מוז מען דאך אויך באצאלן, אז נישט איז צרות... פון 'עסן' איז ניטאמאל פאראן א הוה אמינא צו שניידן, ווייל אן דעם קען מען נישט לעבן... בלייבט איבער די איינציגסטע אפציע, צו שניידן פון די צדקות...

אזא געדאנק איז גליך ווי דער אידל אין פאסט-אפיס וואס זעט נישט קיין איין איבעריגע זאך, נאר די 'סטעמפ', וואס פון זיין זייט איז עס בלויז א 'טפל' צום ענוועלאופ, און ס'איז די איינציגסטע זאך וואס מ'קען אראפ נעמען...

אז מ'גיט איבער א טיפערן קלער מיט די ריכטיגע התבוננות און שכל, קומט מען אנדערש צו די מסקנא. פון די ענוועלאופקען מען נאך אפשר עפעס ארויס נעמען, אבער די 'סטעמפ' אליינס קען מען זיכער נישט אוועק נעמען, ווייל דאס איז די וויכטיגסטע זאך.

אין שו"ע (יו"ד סי' רמ"ז ס"ב) שטייט קלאר ארויסגעשריבן כהאי לישנא "**לעולם אין אדם מעני מן הצדקה ולא דבר רע ולא היזק מתגלגל על ידה שנאמר והיה מעשה הצדקה שלום**", קומט אויס אז ס'איז בכלל נישט קיין מציאות אז מען זאל עפעס דערלייגן פון צדקה.

דער רמ"א איז מוסיף אויפן מחבר, אז א איד זאל זיך מתבונן זיין, אז פונקט ווי ער בעט כסדר פרנסה פונעם אויבערשטן, און ער וויל אז השי"ת זאל צוהערן זיינע בקשות, דאס זעלבע זאל ער צוהערן שועת עניים, וזה לשון קדשו: "ויתן האדם אל לבו שהוא מבקש כל שעה פרנסתו מהקב"ה, וכמו שהוא מבקש שהקב"ה ישמע שועתו, כך הוא ישמע שועת עניים וגו'".

פון די אלע עניני צדקות און אלע סארט הוצאות, איז זיכער, אז די חשוב'סטע 'סטעמפ', איז "מוסדות יטב לב בארה"ק', ווי מרן רבינו שליט"א זאגט כסדר כהאי לישנא: "**מוסדות יטב לב איז געווען ביים פעטער ז"ל דער ערשטער מוסד, עס איז געווען ביי אים דאס אויבערשטע פאר אלעם**", דער רבי' האלט אויך אין איין חזר'ן מיט אונז תלמידים וחסידים מ'זאל גיין אין די דרכים און שטיצן די ערשטע זאך מוסדות יטב לב: '**אלע אונזערע מוסדות זענען קודש, מוסדות יטב לב וואס איז אין ארצינו הקדושה איז "קודש קדשים" דאס דארף זיין די ערשטע צדקה ביי אנשי שלומינו'...**

אויב אזוי, טאר מען פון אזא צדקה אוודאי נישט שניידן, ווייל אז יא מאכט מען זיך חלילה אליינס שאדן.

**אלזא טייערער ר' איד! אפילו איר דערזעט זיך מיט א דיקן ענוועלאופ, אייערע הוצאות זענען גאר גרויס און איר טראכט צו נעמען שריט, פארגעסט נישט איבערצולאזן דעם 'סטעמפ'... ווייל נאר אזוי וועט אי"ה אייער 'ענוועלאופ' זיין ווערד.**

בס"ד

# טעמו וראו כי טוב!

הננו בזה להודיע שמורינו הרב המפו', פה מפיק מרגליות
ויחיד מומחה בעניני חינוך

אורחינו הגדול

## הגה"צ רבי יוסף בנימין וואזנער שליט"א

אב"ד ור"מ דקהל יטב לב ד'סאטמאר לאנדאן יע"א

**ימסור אי"ה "משא הערב" כנואם הכבוד**

**אצל הדינער השנתי לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק**

שלל רב

## בהדרכות והנהגות בעניני חינוך

דברים הנוגעים לכל אב ומורה איזה דרך ישרה
לחנך את צאצאינו ע"ד הסלולה

# בואו ושמעו ותחי נפשכם

**יום ג' פרשת בחוקותי - באולם "מחזיקי הדת"**

# סאטמארער חסידים אין "מאנטשעסטער" וועלן קומענדיגן דינסטאג ארויסצייגן סאלדאליטעט מיט מוסדות יטב לב באה"ק

**הגה"צ ר' יוסף בנימין וואזנער שליט"א אב"ד ור"מ קיט"ל ד'סאטמאר לאנדאן ערשיינט אלץ אורח הכבוד - ספעציעלע אקציע היי יאר צוליב צוגעקומענעם חודש העיבור**

## דרינגענדער רוף פון הנהלת המוסדות מיטצוברענגן אויפן ארט לכה"פ העלפט פונעם התחייבות

אין די טעג ווערן צוגערישט די לעצטע גרויסע הכנות צום גרוסארטיגן דינער השנתי ומעמד חינוך הטהור להחזקת די הייליגע מוסדות יטב לב בארה"ק וואס וועט אי"ה אפגעראכטן ווערן ברוב פאר והדר קומענדיגן דינסטאג פסח שני יומא דהילולא פון התנא האלוקי רבי מאיר בעל הנס זי"ע אין די זאל מחזיקי הדת, מיטן באטייליגונג פון אַ ריזן ציבור תושבי העיר בכלל און תלמידי וחסידי סאטמאר בפרט.

שוין א לענגערע תקופה פון עטליכע וואכן וואס די געטרייע עסקנים פון מוסדות יטב לב האבן זיך אריין געלייגט ראשם ורובם אהער צושטעלן דעם שיינעם דינער ווי עס פאסט זיך פאר אזא כינוס לשם שמים, ארויס צו ווייזן שטיצע פאר אחינו לדיעה אונזערע מסירות נפש'דיגע ברידער אין ארצינו הקדושה, און צו העלפן די הייליגע מוסדות יטב לב צו קענען אנהאלטן ווייטער און דורכגיין די איצטיגע שווערע צייטן און קריטישע אומשטענדן.

### שנת העיבור

ווען ביי יעדע מוסדות מיינט די חודש העיבור א 13'טע חודש אין יאר מיינט דאס אבער ביי מוסדות יטב לב א 15'טע חודש. ניין, ס'איז נישט קיין טעות. א שנה מעוברת מיינט נישט בלויז א 13'טע תמיכה, עס מיינט טאקע א 15'טע תמיכה. פארוואס ? חודש נאך חודש פלאגט זיך די היזיגע הנהלה צו שאפן די חודש'ליכע תמיכה וואס ווערט געשאפן אן קיין שום דעקונג "בלויז" פון נדבת לבם פון אנ"ש וועלכע פארשטייען דאס נחיצות און סגולה פון שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות צדקת רבי מאיר בעל הנס.

און וויבאלד דאס לויט די תקנה קדומה פון מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע שיקט מען אויף חודש ניסן און אויף חודש תשרי א באזונדערע סכום פון "כפל" כדי מ'זאל קענען געבן א טאפעלטן געהאלט פאר די מלמדים אין די אנגעשטרענגטע צייטן פון די ערבי פסחים וימים טובים, אלעס כדי אז די כלי קודש זאלן קענען מרביץ תורה זיין מיט הרחבת הדעת, אזוי ארום שיקט מען יערליך 14 מאל די תמיכה געלט, און היי יאהר אז עס קומט צו א חודש העיבור איז פארשטענדליך אז צו די פערצן תמיכות קומט צו א פופצנ'טע תמיכה און לכבוד דעם איז צום יערליכן בודזשעט היי יאר צוגעקומען נאך א חודש.

אן צו דעם קומט נאך צו די שווערע מצב אין די מוסדות ווי סהאט געהאלטן פאר פסח, דאָס געלט וואָס קומט פון אויסלאַנד איז קריטיש וויכטיג פאר די מוסדות, אָבער ס'איז ווייט פון גענוג, און נאָך אַלע הכנסות וואָס די מוסדות האָבן פון ניו יאָרק, לאָנדאָן און שכר לימוד, בלייבט א חודש'ליכער דעפיציט פון שווערע טויזענטער דאָלאַרן וואָס האָט נישט קיין שום דעקונג.

אַזוי אַרום איז אויסגעקומען אַז וויפיל מ'האָט זיך נאָר געוואָלט האַלטן צום פרינציפּ צו צאָלן צייטליך פאר די כלי קודש איז דאָס אוממעגליך געווען, און מ'איז אַלץ געבליבן אונטערשטעלונג מיט עטליכע חדשים. שטייענדיג פאר חודש ניסן איז מען נאָך געווען שולדיג פאר די כלי קודש דאָס געהאַלט פון פאַרגאַנגענעם חודש תשרי! א קיימא לן פון גאַנצע זיבן חדשים וואָס מען איז שוין געווען שולדיג פאר די כלי קודש!.

### קמחא דפסחא קאמפיין

צוליב דעם איז פארגאנגענעם ערב פסח אפגעראכטן געווארן אין לאנדאן א גרויסע קמחא דפסחא אקציע, וועלכע איז פארגעקומען אין שטוב פון דער חשוב'ער בעל

אכסניא של תורה הרבני הנגיד הנכבד מוה"ר אשר זעליג לעוו הי"ו וועלכער איז דער רוח החיים און איז מראשי הנהלת המוסדות באייראפע.

און עס האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט די אויסטערלישע ווארימקייט וואָס "מוסדות יטב לב" געניסט ב"ה ביי אנ"ש. די היי יעריגע ספעציעל עמרדזשענסי קאמפיין וואס די הנהלה האט פראקלעמירט האט זיך ב"ה ארויס געשטעלט זייער סוקסעספול, רובם ככולם פון אנ"ש האָבן פאַרשטאַנען דעם צו השעה און געשטראמט אין די מאסן צום שטוב פון ר' אשר זעליג הי"ו, און זיך אָנגעשטרענגט איבער די כוחות, זיך צו באַשטייערן מיט די פאנטאסטישע סומעס להחזקת מוסדותינו הק' ספעציעל לכבוד'ן יום טוב פסח, לטובת די כלי קודש אין ארצינו הקדושה.

ר' אשר הי"ו מיט זיינע בני בית שיחיו האבן אריינגעלייגט ספעציעלע כוחות לטובת די קמחא דפסחא מסיבה, און טאקע עמלם נשאה פרי די מסיבה איז דורך ב"ה מיט גרויס הצלחה, נאך שטערקער ווי פאריגע יארן.

צו דעם איז נאך צוגעקומען א גרויסע סכום וואס איז אריין געקומען פון די פושקעס הן די ביהמ"ד פושקעס און הן די היים און ביזנעס פושקעס פון אנ"ש אין לאנדאן און אויך די פושקעס פון אנ"ש דאהי אין מאנטשעסטער, די ביהמ"ד און די פריוואטע פושקעס שטעלן זיך צוזאם צוויי מאל א יאהר חודש ניסן און תשרי, מיט די פושקעס געלט וועלכע איז מוקדש לטובת די כפל פון די חודשים קען די הנהלה שיקן די יו"ט געלט.

און אזוי ארום איז חפץ ה' בידינו הצליח עס איז געלונגען פאר די היזיגע הנהלה אָפּצושיקן קיין ארה"ק די חודש'ליכע תמיכות ביז נאָך חודש ניסן ועד בכלל, ווי אויך די ספעציעלע תמיכה פון "כפל" וואָס ווערט כפי תקנת מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע געשיקט אויף חודש ניסן, וואָס איז אַלעס ערמעגליכט געוואָרן אַדאַנק דעם זעלטן וואַרימער אָפּרוף פונעם ברייטן ציבור אנ"ש צום היי-יעריגער " קמחא דפסחא קאַמפיין" וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן דורך הנהלת מוסדותינו הק' לקראת ימי הפסח העעל"ט.

נאָכן ערהאַלטן די גרויסע סכומים וואָס איז געשיקט געוואָרן אַדאַנק די פּעולות די הנהלה אין אויסלאנד וואס האט דאס געשאַפןביים ברייטן ציבור, איז געווען "ליהודים היתה אורה" און די כלי קודש פון "אַלע" אָפּטיילונגען איןביידע מוסדות אין ירושלים און אין בני ברק, זענען געווען "געוונציליך" אויסגעצאָלט ביז צום יום טוב פסח העעל"ט.

---

## קדושה המשולשת

---

די הייליגע מוסדות "יטב לב בארה"ק" די לוחמי מלחמת ה' ברמה זענען נודעים ומפורסמים בשמם הטוב, זייענדיג וועלט-בארימט אלס די מוסדות וואס זענען יסודתו בהררי קודש דורך מרן רביה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע ביי וועמען די מוסדות זענען געווען כבבת עיניו הטהורים, זעענדיג אין די מוסדות דעם המשך כח הקדושה און דער מחלמה לה' בעמלק וואס דער רבי זצ"ל האט כל ימיו לוחם געווען קעגן דעם רעיון הציוני.

עס איז געוואלדיג איבעריג איבערצוחזר'ן וואס עס איז באקאנט ווי פארהייליגט מוסדות יטב לב איז געווען ביי מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע דער מייסד המוסדות, וואס האט דערביי צוגעזאגט גוטע קינדער און ישועות בכל הענינים פאר די אלע תומכים ונדיבים, ביי סיי וועלכע געלעגענהייט עס האט זיך נאר געמאכט האט דער רבי פארלאנגט פונעם ציבור, אז די ערשטע צדקה פון אנ"ש תלמידיו וחסידיו דארף זיין די צדקה פאר "מוסדות יטב לב" ובפרט ביי די יערליכע דינערס לטובת מוסדות יטב לב האט דער רבי זצ"ל אלץ משמיע געווען פייערדיגע דברי תורה איבער דעם פליכט וואס עס ליגט אויף די תושבי חו"ל צו שטיצן און מחזק זיין די הייליגע מוסדות אין ארץ ישראל.

דאס זעלבע איז געווען אין די יארן שפעטער, ווען מרן רביה"ק בעל ברך משה מסאטמאר זי"ע האט געפירט די עדה הקדושה, האט דער רבי זצ"ל ווייטער אנגעהאלטן די הייליגע ירושה און געהאט א ספעציעלן געפיל צו מוסדות יטב לב, און טראץ וואס דער רבי זצ"ל האט געטראגן דעם עול פון די סאטמארער מוסדות אומעטום, ווי אויך דעם עול פון אומצאליגע עניני הכלל והפרט, האט דער רבי זצ"ל זיך ספעציעל אוועקגעגעבן פאר מוסדות יטב לב מער ווי פאר סיי וועלכע אנדערע מוסד אדער כלל ענין, און האט שטענדיג געפאדערט און געבעטן ביי ציבור שלומי אמוני ישראל

זאלן שטיין צו די רעכטע האנט און ארויסהעלפן די מוסדות יטב לב בראה"ק מיט גרעסערע סכומים, מדין הכרת הטוב, ווייל דאס גאנצע קומען פונעם רבי'ן זי"ע קיין אמעריקע איז געווען נאר צו שאפן געלט פאר די חובות וואס האט זיך אים אנגעזאמעלט דורכן אנפירן די מוסדות אין ארץ ישראל "מוסדות יטב לב", ומאת ה' היתה זאת אז דער רבי זי"ע איז שוין דערנאך פארבליבן אין ניו יארק, וואו ער האט אויפגעשטעלט דאס ערליכע פשרה'לאזער אידישקייט עד היום הזה.

וכהיום יום הערן סאטמארער חסידים ווייטער די כסדר'דיגע דברות קודש פון כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק מסאטמאר שליט"א, וועלכער איז בכל עת ובכל זמן מעורר איבער דעם חוב קדוש וואס ליגט אויף יעדן איינעם צו האלטן מוסדות יטב לב אלס "די ערשטע צדקה" ווייל דאס האט די געוואלדיגע סגולה פון צדקת רבי מאיר בעל הנס עניי אר"י, וברגש דקדושה פאדערט דער רבי שליט"א אז מען זאל קעגנקומען מוסדות יטב לב מיט גרויסע און זאכליכע סכומים באופן יוצא מן הכלל, און ווי דער רבי האט געזאגט ברבים: אלע צדקות איז הייליג, מוסדות יטב לב, דארף מען וויסן איז קודש קדשים. און אזוי איז דאס אויך געווען אלע יארןביים טאטן ז"ל.

## דער שווערער מצב

דאס איז אין אלגעמיין, אבער א ספעציעלע ווארימקייט הערשט אין די טעג צווישן דעם ברייטן ציבור חסידי סאטמאר, וועלכע גרייטן זיך ארויסצוצייגן א זעלטענעם סאלדילריטעט און ווארימען געפיל לטובת די הייליגע מוסדות, וועלכע געפונען זיך איצט ליידער אין א גאר שווערן מצב.

די הייליגע מוסדות סיי אין ירושלים און סיי אין בני ברק גייען איצט דורך גאר שווערן צייטן, און דער מצב הגשמי איז ליידער איום ונורא. די הנהלת המוסדות שלעפט אויף זיך א שווערער עול פון דעם גרויסן בודזשעט פון די הייליגע מוסדות, און דערצו די שווערע חובות פון שווערע הונדערטער טויזענטער דאלארן וואס ליגט אויף זייערע פלייצעס דאס צו שאפן, דעקן און באצאלן.

די היזיגע געטרייע חברי הנהלה וואס זענען איבערגעגעבן בלב ונפש חפצה להצלחת המוסדות, לייגן אריין איבערמידליכע כוחות צו שאפן יעדן איינציגן חודש די געלט כדי צו קענען שיקן צייטליך די חודש'ליכע תמיכה פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, וואס איז דער רוקן-ביין פון די מוסדות סיי אין ירושלים און סיי אין בני ברק.

## חצי"ו לכם

צוליב די איצטיגע שווערע צייטן וואס די מוסדות גייען ליידער דורך, פעלט זיך ספעציעל אויס, אז די היזיגע הנהלת המוסדות זאלן קענען שיקן די חודש'ליכע תמיכות בעתו ובזמנו, און די הנהלה איז שטארק אנגעוויזן אז דער ציבור תושבי מאנטשעסטער זאל אצינד ארויסצייגן א יד רחבה ורוח נדיבה להחזקת המוסדות הקדושים.

אין בעפארגרייטונג צום מעמד הדינער האט די הנהלת המוסדות ספעציעל אויפגעפאדערט פון יעדן איינעם באזונדער, און צום מעמד הדינער זאל מען מיטברענגן לכה"פ העלפט פונעם התחייבות וואס פעלט זיך אזוי נויטיג אויס כדי צו קענען שאפן די גרויסע געלטער אין וואס די מוסדות הק' זענען אצינד אנגעוויזן.

אין די לעצטע עטליכע וואכן האט די הנהלה אונטערגענומען א מאסיווער קאמפיין מעורר צו זיין דעם דעת הציבור איבער דעם אויסנאם שווערער מצב אין וועלכע די מוסדות געפונען זיך, און בעיקר ווען דאס יאהר איז געווען צוויי חודשי אדר וואס קאסט אפ נאך א חודש תמיכה חוץ פון די דאפלטע תמיכה פאר ניסן און תשרי, און מען האט מעורר געווען דעם ציבור, נישט צו פארגעסן פונעם הויפט-ציל צוליב וועלכע דער דינער ווערט אפגעראכטן, נעמליך צו שאפן די גרויסע סכומים פאר די מוסדות, וואס דעריבער פעלט זיך ספעציעל וויכטיג אויס, אז יעדער איינער אן אויסנאם זאל מיטברענגן צום דינער לכה"פ העלפט פונעם התחייבות וואס איז דער שליסל-פונקט פאר די ווייטערדיגע הצלחה פון די הייליגע מוסדות.

## מעמד חינוך הטהור

דער היי-יעריגער דינער וועט אי"ה אפגעראכטן ווערן אין די זאל מחזיקי הדת, וואס וועט זיין ספעציעל אויסגעשטעלט צו קענען אקאמאדירן דעם ברייטן ציבור וואס וועלן קומען אנטייל נעמען ביים מעמד.

אין לויף פונעם אווענט וועט געהערט ווערן וויכטיגע דרשות פון חשוב'ע בעלי דרשנים שליט"א איבער דעם חובת השעה וואס עס

פעלט זיך איצט אויס אויף אפצוראטעווען די הייליגע מוסדות פון דעם שווערן מצב אין וועלכע זיי זענען ליידער אריינגעפאלן.

ווי ביי די פאריעריגע דינערס פון מוסדות יטב לב, וועט דער מעמד בעזהשי"ת געענדיגט ווערן צו די פונקטליכע צייט בשעה 11:00 און וועט זיך דעראיבער אנהייבן גאר פונקטליך בשעה 8:30 א שטאב מיט עסקנים וועלן אפווארטן דעם ציבור, און יעדן אויפנעמען בסבר פנים יפות.

אוי אויך פאר די אלע וואס וועלען קומען צייטליך צום דינער ביז 9:15 וועלן אריין גיין אין א גורל, אויף א טיקעט קיין אמעריקע להסתופף בצל הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א אויף יו"ט שבועות אין קרית יואל, דער טיקעט גורל וועט ווערן ארויסגעצויגן ביים דינער תיכף נאכן דרשה פונעם נואם הכבוד

א רייכער פראגראם וועט אנגיין במשך דעם גאנצן דינער, פון וואס די פארזאמעלטע וועלן געוויס שטארק הנאה האבן. אלס יושב ראש המעמד וועט דינען הרבני הנגיד מוה"ר אשר זעליג לעוו שליט"א, וועלכער איז דער רוח החיים פון די הייליגע מוסדות און איז פון די גרויסע תומכים פאר די מוסדות דאהי,

מיט דברי ברכה וועט אויפטרעטן הגה"צ גאב"ד מאנטשעסטער שליט"א.

מיט דבר המעמד וועט אויפטרעטן הגה"צ אב"ד דקהילתינו שליט"א וואס איז כידוע נאנט און מקושר צו די הייליגע מוסדות שוין יארן לאנג און וועט ארויסברענגען די חובת השעה וואס ליגט אויף יעדן איינעם מאנשי שלומינו, אנטקעגן צוקומען די הנהלה מיט סכומים הגונים.

## והגדת לבנך ביום ההוא

אלס הויכפונקט פונעם מעמד וועט זיכער זיין די צענטראלע דרשה פונעם נואם הכבוד הגה"צ המפו' רבי יוסף בנימין הלוי וואזנער שליט"א אב"ד ור"ם דקיט"ל ד'סאטמאר בלאנדאן הבירה, וועלכער איז באקאנט מיטן זיינע געוואלדיגע כוחות הנפש וואס לייגט אריין צו הייבן די קהלה קדושה אין לאנדאן יצ"ו ודברי פי חכם חן זייענדיג דער ריכטיגער נאה דורש ונאה מקיים ביי יעדן געלעגנהייט, און אצינד וועט מען האבן די זכיה צו הערן פון דעם פה מפיק מרגליות פאסיגע רייד בשבח פון די מוסדות אין ארה"ק און אזוי אויך וועט ער משמיע זיין אַ באלערנדע דרשה אין עניני חינוך הבנים וואס איתמחי גברא מיט זיין שטארקן כח הדרוש ספעציעל אין דעם געביט פון הדרכה אין עניני חינוך הבנים אויפן ריכטיגן דרך הישר וואס רבים נהנה ממנו עצה ותושיה

מיט א באזונדערע אינטרעסע ווארט דער עולם צו הערן א לעבעדיגן באריכט פון די מוסדות הקדושים אין ארץ ישראל פון די חשובע שליח פון הנהלת מוסדותינו הקדושים, וועלכע איז ספעציעל געקומען צו פארן צו די אקציע, הרב ישכר יאקאב שליט"א מנהל מוסדותינו הק' אין עיה"ק ירושלים וועלכע זענען א שטאלץ פאר די שיטה הקדושה, און גלייכצייטיג ארויסברענגען די ווי געשריי פון די מלמדים און איינגעשטעלטע אין מוסדותינו הקדושים אין ירושלים און בני ברק וועלכע פלאגן זיך און לעבן חיי דוחק,

און ווי אזוי די חברי הנהלה מוטשען זיך ממש איבער די כוחות צו טראגן דעם שווערן לאסט און צו קענען פארזעצן מיט דער עבודת הקודש אנהאלטן מיט די מוסדות הקדושים, די הייליגע מוסדות יטב לב בארה"ק מיט אירע איבער 2000 תשב"ר כ"י וואס זיי זענען אונזערע סאלדאטן אויפן פראנט, און זיי זענען די פאן טרעגער און וועג ווייזער פאר די ערליכע מוסדות אין ארה"ק ווי אזוי מען דארף צו פירן די מלחמה לה' בעמלק, און ווארפן צוריק שווערע טויזנטער דאלארן נישט נהנה צו זיין משולחן איזבל.

## מתנה למשתתפים

ספעציעל אינהאלטסרייכע מתנות וועלן פארטיילט ווערן פאר אלע משתתפים ביים דינער, א ספעציעל ניי געדרוקטע קונטרס לכבוד ל"ג בעומר פאר אלע משתתפים.

אזוי אויך וועט מען פארטיילען א נייע הערליכע סי די ארויסגעגעבן דורך מוסדותינו הק', אהיימצוטראגען פאר אייערע בני בית און טייערע קינדער שיחיו.

ומתן שכרה בצידה א רייכע אויסוואהל פון מתנות זענען צוגעגרייט פאר די אלע וואס שליסן זיך אהן אינעם הייליגען מפעל החזקת מלמד.

דער מעמד אנטשפרעכט צו זיין גאר א געהויבענער און גייסטרייכער, און וועט אי"ה זיין א קוואל פון חיזוק פאר די שרידים אשר ה' קורא אליהם בארה"ק. ❍

– הבו גודל למקדשי ה' –

# בדיבור ובמעשה



**די וואך**

## מאנטאג
## יום המר והנמהר ה' אייר

האבן הונדערטער אנשי שלומינו בכל אתר ואתר
אין ארץ ישראל און אין ניו יארק
מקיים געווען דעם

# מחאה בדיבור

קעגן די ממשלת הכופרים




קומענדיגן

## דינסטאג

וועלן מיר מקיים זיין מצוות

# מחאה במעשה

מיטן שטיצן

**דעם לגיון של מלך אין ארה"ק**

וועלכע שלאגן זיך א גאנץ יאר מיט די כוחות הטומאה
און זיי ווארפן צוריק סכומים אדירים
פון די מלכות המינים

## יום חינוך הטהור

לחנן קיום מוסדותינו הק'
"יטב לב דרבינו יואל"
שהם יסוד החינוך הטהור
בארץ הקודש

## מוסדות יטב לב בארה"ק

**ג' בחוקותי • י"ד אייר**
באולם "מחזיקי הדת"

# מפעל החזקת המלמד

גלייכצייטיג דערקענט זיך א ספעציעלע שטארקע אנטשלאסנקייט ביי ציבור אנ"ש הנדיבים החשובים זיך אנצושליסן אינעם "מפעל החזקת מלמד", ווי עס איז אין די לעצטערע יארן אוועק געשטעלט געווארן אויף א ספעציעלע אופן צו געבן א געלעגנהייט אפצוקויפן די אומשאצבארע סגולה היינטיגע צייטן ווען מיר לעבן אין אזא שרעקליכע תקופה, די מצב איז ממש איום ונורא, א וועלט פיל מיט נסיונות און שוועריקייטן ווען כמעט אין א יעדע שטוב גייט מען אדורך שווערע מצבים, אידן דארפן ישועות און רפואות, אידן פלאגן זיך אין חינוך הבנים והבנות, ווער רעדט נאך פון די לעצטע תקופה וואס די מצב הפרנסה איז שטארק געפאלן ל"ע.

דורך זיך אנשליסן אינעם מפעל "החזקת מלמד" קויפט איר געענצליך אפ די זכות פון לימוד התורה פון הייליגע ריינע ערליכע קינדערלעך וואס האבן אין זיך א ארגינעלער חינוך הטהור בקדושה, כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים, פון די הייליגע חומות ציון וירושלים, די הונדערטער תשב"ר אין ירושלים און אין בני ברק וואס טראגט טאקע די סגולה פון יברכך ה' מציון וראה בטוב ירושלים.

אלס מפרסמין עושי מצוה טוט מען ספעציעל מפרסם זיין די נאמען פון דעם חשוב'ן נדבן ובני ביתו שיחיו, און די זיסע טייערע קינדערלעך זענען מתפלל א תפילה נפלאה פון טיפעניש פון הארץ, פון אט די הייליגע ריינע הארץ מיט זייערע לויטערע מחשבות א הייליגע געבעהט פאר די הצלחה פונעם חשוב'ן נדבן ער זאל געבענטשט ווערן מיט אלעם גוטן, מיט בני חיי ומזוני רויחי ובכל משאלות לבם לטובה.

אט די געוואלדיגע סגולה איז טאקע די שליסל געהאלפן צו ווערן בכל משאלות לבם לטובה, פאר די פילע נדיבים איז איבעריג צו שילדערן די גליקליכע זכי' וואס מ'שפירט ביים אוועק געבן פון זיך א נדבה חשובה פאר די "מוסדות יטב לב" און האבן א חלק אין די מסירות נפש פון די לומדי תורה בארה"ק, און גלייכצייטיג זעהט מען טאג טעגליך אפענע ישועות פון די שותפים אין החזקת מוסדות יטב לב.



# א קורצע באריכט פון די אפיס פון "מוסדות יטב לב" סניף אייראפע

דער פאפיר איז צו קורץ און די טינט איז צו טרוקן ארויסצובריינגען געגוג די פילע אנגייענדע אקטיוויטעטן אין ראם פון די מוסדות יטב לב אפיס סניף אייראפע וואס ממש יום ולילה לא ישבותו, אין לויף פון א גאנצע יאר ארבייטען זיי איבער דער כוחות צו שאפן די נויטיגע סכומים וואס ווערן געשיקט מדי חודש בחדשו פאר די הייליגע מוסדות יטב לב אין ארצינו הקדושה ת"ו

מען דארף באטאנען לשבח, דער חשובען ראה"ק דאהי הרבני הנגיד והנכבד מוה"ר בעריש ווייס שליט"א, וואס אין צוגאב צו זיינע פילע פעולות להרחבת גבולי קדושה ולהגדיל תורה ולהאדירה פאר די מוסדות אין די קהלה דאהי און צוגאב צו קהלות סאטמאר די בכל אתר ואתר וואס ערווארפט זיך אריין בלב ונפש און איז פון די עמודי התווך פון מוסדות יטב לב בארה"ק אין אייראפע.

אויך דארף מען דערמאנען הרבני הנכבד מוה"ר שלום ברוך ראטבארט שליט"א מראה"ק ויו"ר הנהלת מוסדות יט"ל אין מאנטשעסטער וואס ר' שלום ברוך האט שוין די זכי' נאך אין די צייטן פון מרן רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע צו זיין פון די עוסקים פאר די הייליגע מוסדות אין האט זוכה געווען מהנה צו זיין דער הייליגן רבי'ן ז"ל מיט הילף בגוף ובממון. אזוי אויך האט ער ווייטער אנגעהאלטן ביי כ"ק מרן רבינו בעל ברך משה זי"ע זייענדיג פון די נאנטע מקורבים דאהי אין מאנטשעסטער. און אויך אצינד שטייט ר' שלום ברוך צו די רעכטע האנט פון מרן רבינו שליט"א צו שטיצן אין טוען געוואלדיגע פעולות לטובה ביים שטיין בראש פון די הנהלה אין מאנטשעסטער.

ברם יזכר לטוב, הרבני הנגיד הטפסר המרומם מוה"ר מרדכי ווייס ז"ל מחשובי התומכים אין עולם התורה, וואס האט אין די פאריגע יארן מנדב געווען א סכום אדיר פאר די מוסדות אין אר"י, און דורך דעם זוכה געווען צו דעם אומשאצליכן זכות פון שטיצן לומדי תורת אר"י מתוך הדחק, ולזכרון בהיכל ה' איז טאקע זיין נאמען ארויף געקריצט געווארן אויפן שער הישיבה גדולה אין בני ברק, וואו עס זיצן נאנט צו הונדערט בחורי חמד און זענען זיך מייגע באהלה של תורה, איז די זכות פון די לימוד התורה בטהרה אוודאי א מליצה ישרה און קניין עצום פאר ר' מרדכי ז"ל לעולמי עד.

גלייכצייטיג דארף מען דערמאנען די הנהלת המוסדות אין לאנדאן דער יו"ר אין לאנדאן הרבני הנגיד הנכבד הרה"ח ר' ישעי' וואלף לעוו שליט"א, ובנו הרבני הנגיד ר' אשר זעליג שליט"א, רואה חשבון של מוסדותינו, וואס ער פירט דעם מוסד מיט א פונקטליכקייט און א זעלטן שיינעם סדר, ווען עס ווערט געפירט א ספעציעל שטרענגן חשבון אויף יעדן פרוטה, און אזוי אויך הרה"ח ר' יעקב יודא עסטרייכער שליט"א, וואס יום ולילה לא ישבות אין איז זיך מטריח א גאנץ יאר מיט א מסי"נ לדפוק על דלתי נדיבים, אזוי אויך די געטרייע חברי הנהלה אין לאנדאן ה"ה הרה"ח ר' משה ארי' פריינד שליט"א, הרה"ח ר' יצחק מאיר קאפפעל שליט"א, הרה"ח ר' שלו' יצחק שעהר שליט"א, און הרב ר' נפתלי צבי האראוויטץ שליט"א וועלכע געבן זיך אוועק בלב ובנפש פאר מוסדות יטב לב אין אלע ענינים.

די גריסן וואס מען הערט צוריק פון די הנהלת המוסדות בארצינו הקדושה איז פיל מיט הארציגע דאנק ווערטער, אין זיי בעטן א בקשה על העתיד מ'זאל פרובירן ארויסהעלפן מיט וואס ס'איז נאר מער מעגליך מ'זאל קענען ווייטער אנגיין מיט די עבודת הקודש און ווייטער שיקן די חודש'ליכע תמיכה צייטליך

**אשריכם גבורי החיל!**

# ספעציעלע דגוש אויפ'ן פונקטליכקייט פונעם זמן ביים דינער

**רייכער גורל פאר אלע וואס ערשיינען פאר 9 אזייגער - הקדמת שיעורי תורה בהיכל ביהמ"ד**

איינס פון דער וויכטיגסטע פונקטען צום סוקסעס פונם גרויסען "מעמד חינוך הטהור" איז דער פונקטליכקייט פון די צייט ביים דינער, דער הנהלת הקהלה האט מקדים געווען דער שיעורי תורה ברבים וואס וועט זיך אנפאנגען אי"ה אין ביהמ"ד אום 8.00 ביז 8.45, כדי נישט צו שטערן דער סדר היום פון די לימודים.

פאר די אלע וואס וועלן ערשיינען אין זאל ביז 9.15 אזייגער וועט פארקומען א גורל אויף א רייזע טיקעט קיין ניו יארק להסתופף בצל כ"ק מרן אדמו"ר הגה"ק שליט"א בחג השבועות, די טיקעט איז מנודב געווארן דורך מוה"ר יעקב פריעד הי"ו מחשובי תומכי מוסדותינו הק' אין לאנדאן.

עס איז ערווארטעט די קאפעראציע פונ'ם ציבור וואס וועט פארשטיין די ערנסטקייט פון דאס ערשיינען צייטליך, ווייל ביי א אייגענע מסיבה קומט דאך א יעדער צייטליך.

**אזוי ווי א אייגענע שמחה**

"דינסטיג האלב ניין פונקטליך" - יא. נישט האלב צען, נאר האלב ניין!, וועט זיך עס אי"ה אנהייבן.

די סדר פון דער וועלט איז וועג א חבר וואס איר זענט נישט אזוי שטארק נאנט מיט איהם רופט אייך צו א שמחה וועט איר זיך אויסשטעלן אז א שעה צווי נאכ'ן זמן וואס יענער האט אייך גערופן וועט איר קומען אנטייל נעמען ביים שמחה, אבער א שמחה וואס א איר אליינ'ס מאכט וועט איר מאכן אלע השתדלות'ן אז איר וועט זיין פונקטליך, כדי צו קענען מיטהאלטען אייער שמחה, און מ'וויל נישט פארפאסן קיין איין מינוט!

"דינסטאג אוונט איז יעדן יחיד'ס פריוואטע שמחה", כולנו בני איש אחד נחנו, אונז אלע זענען מיר גלייכע שותפים ביים גרויסען מעמד חינוך הטהור, אונז אלע קומען זיך צוזאם אויף איין ציל, צו מחזק זיין די הייליגע מוסדות יטב לב, דעם רבינ'ס מוסדות און ארצינו הקדושה.

אין לויף פונעם דינער וועלן די חשובע בעלי דרשנים אויפטרעטען מיט דברי שבח והודאה פאר'ן הייליגען באשעפער אז מיר האבן די זכי' זיך ווידער אמאל צוזאם נעמען אנצוהאלטען די הייליגע מוסדות, און גלייכצייטיג וועלן זיי אפעלירן צום ציבור צו שטיצן די הייליגע מוסדות יטב לב.

די שלוחי דרחמנא מנהלי המוסדות בארה"ק וועלן אי"ה איבערגעבען א לעבעדיגן פון די געוואלדיגע בליה און וואוקס פון די הייליגע מוסדות אין ירושלים עיה"ק און אין בני ברק ת"ו, סיי בכמות ווי דער מספר התלמידים האלטן אין איין שטייגען אין עס קומען אלס צו פרישע תשב"ר וואס ווערן נתחנך על טהרת הקודש. און סיי באיכות די אויסטערלישע הצלחה אין סייעתא דשמיא וואס באגלייט אויף יעדן טריט און שריט ווי די טייערע אידעלע קינדערלעך זיצן און לערנען בהתמדה רבה אין שטייגן בתורה ויראת שמים אין מדות טובות, אזוי אויך די בחורי חמד זענען עוסק אין לימוד התורה בפלפול התלמידים און דער קול תורה וואס איז בוקע רקיע הילעכט אפ ביז ווייט. די בחורים זענען זיך משלים אין פיל מסכתות בש"ס און הלכה, און זיי ווערן פארהערט ביי די גדולי הרבנים שליט"א וועלכע דריקן כסדר אויס זייער התפעלות פון די יונגע ביימלעך וואס וואקסן לשם ולתפארת.

אויך וועט דער שיינע פארזאמעלטע ציבור הערן פארשידענע דרשות בענין חובת השעה פון דער רבנים הגאוה"צ שליט"א וועלכע וועלן משמיע זיין דעם דבר ד' מירושלים דער ריינע השקפה אין דעת תורה איבער דער חינוך הטהור בארה"ק.

עס איז זעלבסט פארשטענדליך אז אנ"ש תלמידי וחסידי סאטמאר וועלן שפירן א זכי' מיטצוהאלטן יעדע מינוט פון דעם רבינ'ס שמחה און אונזערע פריוואטע שמחה.

**תאו והתכנשו ביום ג' לס' בחוקתי בשעה 8.30 באולם מחזיקי הדת מעמד חינוך הטהור להחזקת מוסדות יטב לב בארה"ק**

# פלאמפייערדיגע ווערטער

## פון כ"ק גאב"ד ירושלים בעל עטרת יהושע זצ"ל

# ווער איז אונזער גרעסטער און חשוב'סטער גאסט ביי די דינער ???

**רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע קומט אראפ פון גן עדן העליון אנטייל צונעמען אין די מסיבה של מצוה לטובת זיינע הייליגע מוסדות**

עס איז געווען אפאר יאר צוריק, ווען עס געקומען צו פארן קיין אמריקע אונזער אומפארגעסליכער מנהל המוסדות פון נתני'ה הגה"ח ר' חיים דוד יאזשעף ז"ל אויפצוטרעטן אלס נואם הכבוד ביי דינער לטובת די הייליגע מוסדות יטב לב, איז ער בשעתו אריינגעגאנגען צום ירושלימ'ער רב הגה"ק רבי משה ארי' פריינד זי"ע זיך געזעגענען, האט איהם דער גאב"ד געזאגט: **ס'איז ידוע וואס איז געווען מרגלא בפומי'ה פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע ביי די הקפות די הייליגע ווערטער וואס שטייט אין זוה"ק אויפן פסוק ישמח ישראל בעושיו, אז ביי א שמחה שיקט מען אראפ די אבות הקדושים זיך צו מיטפרייען מיט זייערע קינדער אויף דער וועלט, און אפילו מיר זעה'ן זיי נישט, גלייבן מיר אבער באמונה שלימה אין די הייליגע ווערטער.**

די דאזיגע ווערטער האט רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע געזאגט אויך ביים הייליגן מעמד פון התייסדות "קרן הצלה": **אז ביי אזא מעמד קדוש פון ראטעווען די מוסדות הקדושים אין ארצינו הקדושה וואס זענען נישט נהנה משולחן איזבל, האט ער געזאגט בלשון קדשו "די אבות הקדושים און די צדיקים פון גן עדן העליון געפונען זיך היינט נאכט מיט אונז"**, און רביה"ק זי"ע האט דאן אויסגעפירט מיט די פייערדיגע הייליגע ווערטער: "ווען משיח צדקינו וועט קומען וועט ער אנווייזן מיט'ן פינגער אויף די אידן אז זיי זענען די וואס האבן מקרב געווען די גאולה שלימה".

האט דער ירושלימ'ער רב זצללה"ה ווייטער געזאגט: **אזוי ווי רביה"ק זי"ע האט ליידער נישט איבערגעלאזט קיין קינדער אויף די וועלט, איז דען מעגליך אז ער קומט נישט אראפ צו קיין שמחות, אין די צייט וואס ער פלעגט שטענדיג נאכזאגן דעם זוה"ק?, נאר וואס דען, רביה"ק האט אויפגעשטעלט טויזנטער טויזנטער קינדערלעך כ"י, תינוקות של בית רבן צאן קדשים זרע ברך ד' אין זיינע אלע הייליגע מוסדות איבער די גארער וועלט, און יעדע מאל ווען מ'מאכט א מסיבה של מצוה לטובת זיינע הייליגע מוסדות, איז דאס זיין שמחה של מצוה און מ'שיקט איהם אראפ פון גן עדן העליון זיך צו קומען משתתף זיין אין דעם מעמד.**

האט דער ירושלימ'ער רב אויסגעפירט: **אז וועגן דעם הייסט ער אלץ ביי א דינער לטובת די הייליגע מוסדות מען זאל אויסרופן די נעמען פון די נדבנים, כדי מ'זאל מזכיר זיין לטובה די אידן וואס שטרענגען זיך אן און געבן א נתינה לטובת די מוסדות הקדושים, וואס דורכדעם וועט דער רבי זי"ע בגנזי מרומים זיין א מליץ יושר און משפיע זיין פאר'ן נדבן ישועות ורפואות און אלעס גוט'ס.**

דאן האט ער צוגענדיגט מיט א אש קודש: **"א איד וואס האט דעם ריכטיגן שכל, א איד א בר דעת, אין אזא זמן וואס מען זיצט ביי א מסיבה של מצוה לטובת די הייליגע מוסדות פון רביהקוה"ט זי"ע, שרייבט ער זיך אפ א קוויטל און ער ליינט עס אפ בשעת מעשה, און ער דארף נישט ארויספארן צום ציון הק', דער רבי ז"ל געפינט זיך יעצט דארט און מ'קען אין אזא זמן אויספועל'ן פאר זיך און פאר די גאנצע משפחה אלעס גוט'ס."**

# תהא השעה הזאת שעת רחמים ועת רצון

## לאמיר זיך אלע מזכיר זיין פאר'ן רבי'ן זי"ע ביי די מסיבה של מצוה

**דורך זיך באשטייערן מיט סכומים הגונים לטובת זיין הייליגע מוסדות יטב לב בארה"ק**

# "העלפט" אונז כאטשיג מיט "העלפט" אויפן פלאץ!

שטייענדיג און אזא שווערן יאר ווען די גאנצע עקענאמיע וואקלט זיך גאר שטארק און רופט זיך אפ אויף אלץ און אלעמען, אבער ספעציעל שפירט מען דאס לעצטנס גאר שטארק ביי דעם "החזקת מלמד קאמפיין" וועלכע העלפט ארויס די לעצטע פאר יאר צו באצאלן ערליך פאר די געטרייע מלמדים וכלי קודש זייער פארדינטע שכירות יעדע חודש.

אבער געלויבט השי"ת דער ציבור אנ"ש היקרים בפרט דא אין אייראפע זענען פעסט אנשטאלסן בעז"ה נישט צו פארלאזן אזא קריטיש וויכטיגער אונטערנעמונג, און לויט ווי די עסקנים פון מוסדות יטב לב געבן איבער הערשט א שטארקער ווארימקייט צווישן די נדיבים בעם תלמידי וחסידי סאטמאר וועלכע ווילן אי"ה הייבן די יערליכע נדבות ביתר שאת ויתר עז אזוי ארום וועט דאס זיין גאר א שטארקער בסיס און יסוד אדיר להחזקת מוסדות יטב לב בארה"ק אין אזא שווערן צושטאנד.

דער ברענענדיגער געפיל און אינערליכע אינטרעסע וואס ברענט ביי יעדן איד מאנ"ש פאר קיום ישראל סבא אט דער הייליגע חינוך הטהור פון מוסדות יטב לב בארצינו הקדושה, און אז די הייליגע און שווערע הארעוואניע וואס מרן רביהקוה"ט זי"ע האט געהארעוועט מיט בלוט און שווייס זאל טאקע ווייטער פארגעזעצט ווערן און זיין מוסיף והולך, דאס ברויך טאקע אצינד איבערוועגן דער כף מאזניים צו טוען די ריכטיגע שריט זיך אנצושטרענגען מיט אלע כוחות און העכער די מעגליכקייטן ביתר שאת וביתר עוז ארויסצוהעלפען און ראטעווען די הייליגע מוסדות יטב לב זאל קענען ווייטער אנגיין, און עס איז באמת א הייליגע זכי' און גאלדענע געלעגנהייט צו קענען זיין א שותף אין די מעכטיגע הרבצת התורה הקדושה אין ארה"ק בפלטרין של מלך.

בואו חשבון, און די פאריגע יארן איז דורך די דינער דאהי געדעקט געווארן די חודש'ליכע תמיכה פון די חודשים אייר, סיון און תמוז, וואס דאס באדייט א דריטל יאר, ביז צום דינער אין לאנדאן וואס קומט פאר ער"ח אב, און צו דעם קומט נאך צו אז דאס יאהר איז א שנת העיבור ווען עס איז צו געקומען נאך א חודש געהאלט פאר די מלמדים וכלי קודש.

די חשוב'ע מנהלים און עסקנים פון די מוסדות גייען ארום און לויף פונעם יאר צו שאפן נדבות מאחינו היקרים נדיבי לב און מחזיקי תורה, אבער פארט איז דער רוקן-ביין פון מוסדות יטב לב דער דינער וואס קומט פאר יאר יערליך, אין ספעציעל היי יאר דארף מען שאפן די ריכטיגע נויטיגע סכומים מיטן זיך אנשליסן אינעם מפעל "החזקת מלמד".

לא המדרש היא העיקר אלא המעשה, די הנהלת המוסדות קומט ארויס מיט א ספעציעל רוף צו תושבי מאנטשעסטער, ביטע ברענגט מיט לכל הפחות העלפט פון אייערע ברייטהארציגע נדבה צום דינער, ווייל מיר קוקן ארויס "בו ביום" אויף ריזיגע סומעס געלט צו ראטעווען די מצב און די עקזיסטענץ פון מוסדות ווען עס האלט ממש ביי די בחינה פון באו מים עד נפש.

אלץ הכרת הטוב פאר די חשובע נדיבים און שותפים אינעם "מפעל החזקת מלמד" וועט פארטיילט ווערן הערליכע מתנות פאר די וואס ברענגען לכה"פ העלפט פון זייערע נדבה פאר'ן חיזוק החינוך הטהור אין מוסדות יטב לב בארה"ק.

אנ"ש היקרים תושבי מאנטשעסטער קוקן ארויס מיט האפענונג און ערווארטונג אז דער שיינע מעמד חינוך הטהור ודינער השנתי פאר די הייליגע מוסדות בארה"ק זאל געקרוינט ווערן מיט פיל הצלחה און סוקסעס בס"ד. ❍

**מחצי"ת השקל בשקל הקודש**

בס"ד

# וּמִמַּחֲצִית בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תִּקַּח...
# וְנָתַתָּה אֹתָם לְשֹׁמְרֵי מִשְׁמֶרֶת מִשְׁכַּן ה'

ברענגטס מיט לכה"פ

# העלפט

## פון אייער התחייבות

צום דינער

**ג' בחוקותי**
**י"ד אייר**

יומא דהילולא של התנא האלוקי
רבי מאיר בעל הנס זי"ע

צו שטיצן אונזערע ברודער
די שומרי משמרת ה' אין ארץ ישראל
וואס שטייען אויפן פראנט
פונעם מלחמה לה' בעמלק

**יום חינוך הטהור**

למען קיום מוסדותינו הק'
"יטב לב דרבינו יואל"
שהם יסוד חינוך הטהור
בארץ הקודש

**מוסדות**
**יטב לב**
**בארה"ק**

**ג' בחוקותי** • י"ד אייר
באולם "מחזיקי הדת"



# דעם רבי'נס בענקל שאקלט זיך...

**אין** שנת תש"ו ווען עיה"ק ירושלים ת"ו האט זוכה געווען אז רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע האט דארטן געוואוינט, דעם רבי'נס פרעזנליכן מצב איז געווען לא יאומן כי יסופר, ער איז געווען צובראכן און דאס כלל ישראל די איבערגעבליבענע אודים מוצלים מאש זענען געווען צובראכן אויף שברי שברים יעדער איז געווען צובראכן מ'האט אלעס פארלוירן בגשמיות וברוחניות, און די גאנצע אלטע היים דעם רבינ'ס הייליגע קהילה אין אונגארין איז ליידער חרוב געווארן.

**פארט** האט דער רבי מיט זיין געוואלדיגע קדושה און ריינקייט אויפגעשטעלט פון דאסניי די הייליגע מוסדות יטב לב אין א"י, ער האט דארט גענומען אידן פליטים און פאר זיי געבויעט כאטשיג ער איז געווען איינער אליין וואס האט אים אפגעקאסט שווערע חובות דאך האט דער רבי מיט זיינע לעצטע כוחות אנגעהויבן איינזייען פרישע קערנדלעך און פון דעם ערשטן יונג ביימעלע מוסדות יטב לב איז זיך צעוואקסן די פילע פארצווייגטע מוסדות סאטמאר ארום די גאנצע וועלט.

**אט** אין יענע טעג איז אריינגעקומען אל הקודש פנימה דער באקאנטער תורה פילאנטראפ הרבני הנגיד החסיד המרומם ר' לייבוש לעפקאוויטש ז"ל ראש הקהל ומנהל המוסדות אין וויליאמסבורג, אין אזוי ווי ער איז אריינגעקומען צום רבי'ן האט ער באמערקט אז די רבי'נס בענקל שטייט נישט גלייך, עס וואקלט זיך אביסל, האט ער באלד פארגעשלאגן פאר'ן רבי'ן אז ער וויל קויפן א נייע בענקל ווי עס פאסט זיך א בכבוד'יגע שיינע בענקל פאר'ן רבי'ן.

**ווען** דער רבי האט געהערט די פארשלאג, האט זיך דער רבי אנגערופן בלשון קדשו: **"מיין בענקל ווען עס שאקלט זיך וועט גארנישט געשעהן, אבער די בענקל פון מיינע מוסדות און די צובראכענע ארימע קינדער דאס שאקלט זיך, דאס דארף מען זעהן צו ראטעווען בעוד מועד".**

## טייערע ברודער – אחים לדעה!

**אונז** שטייען מיר א קורצע ווילע איידער מיר טרעטן אריין צום גרויסארטיגן דינער "חינוך הטהור", די חשוב'ע הנהלה פון מוסדות יטב לב בארה"ק בעטן זיך ביי אייך **"דעם רבי'נס בענקל שאקלט זיך"**, עס הויערט א סכנת התמוטטות ח"ו אויף די הייליגע מוסדות וואס דער רבי ז"ל האט אזויפיל שוויס און בלוט פארגאסן אויף זיי, דמי"ם תרתי משמע, ביז ווען ער האט זיי געזעהן אויפגעבויעט על תילה בנויה, דער רבי ז"ל אליינס שטייט און בעט זיך ביי אייך **"חסתי על עמלי שלא יהא יגיעי לריק חס ושלום"**, די הנהלת המוסדות זענען רובצים תחת משאם פון די שווערע עול וואס ליגט אויף זיי, שטרענגט זיך אן יותר מכפי יכולתכם מען זאל קענען ווייטער פארזעצן מיט די עבודת הקודש לשם ולתפארת ולתהלה, די טייערע מלמדים און מרביצי תורה זאלן קענען אנגיין אומגעשטערט מחנך זיין דעם יונגן דור לתורה ויראה.

עס איז קיין שום ספק נישט אז דער הייליגער רבי זי"ע וואס זייענדיג אויף דעם עולם האט ער זיך אזוי שטארק געזארגט און אזויפיל געטוהן פאר די הייליגע מוסדות יטב לב, איז אוודאי אז ער זארגט זיך אויך ווייטער בגנזי מרומים פאר זיין נטע שעשועים, און ער קוקט ארויס צו זיינע תלמידים וחסידים און בעט זיך ביי זיי, **טייערע קינדער, איך האב אייך איבער געלאזט א טייערע ירושה אויף דעם עולם, די הייליגע מוסדות וואס געפינט זיך אצינד אין גאר א שווערן מצב, <u>"מיין בענקל פון די מוסדות שאקלט זיך"</u>,** מיר קענען זיך נישט ארויסדרייען פון צו ראטעווען די הייליגע מוסדות און ארויסווייזן אונזערע ברייטהארציגע שטיצע.

**לאמיר זיך אלע אינאיינעם אנגארטלען און ענטפאנגען די עסקני ושליחי המוסדות בסבר פנים יפות, זיי זענען די געטרייע שליחים פון רבי'ן ז"ל צו אנגיין ווייטער מיט זיינע הייליגע מוסדות און זענען זיך מוסר נפש ממש אז דעם רבינ'ס מוסדות זאל ווייטער וואקסן און בליהען, לאמיר זיי ארויסהעלפן און נעמען א חלק אין די עבודת הקודש אז "דעם רבי'נס בענקל זאל זיך נישט שאקלען", נאר אדרבה ס'זאל ווייטער וואקסן לשם ולתפארת, השי"ת זאל העלפן אז חפץ ה' בידינו יצליח להגדיל תורה ולהאדירה מתוך נחת והרחבת הדעת וכל טוב סלה.**

ב"ה

# אם אין גדיים אין תיישים

קהלתינו הק' אין ירושלים בליהט און וואקסט ב"ה

אלעס אדאנק

# די הייליגע מוסדות

דינט איר גרינדונג מוטשען זיי זיך אויסטערליש
צו קענען אנגיין ווייטער

**נאר מיט אייער ווארימע שטיצע וועט**
## "סאטמאר אין ירושלים"
**האבן א ווייטערדיגן קיום**

קומט הערן דעם דבר ה' מירושלים פון אורחינו הדגול
הרב **ישכר יאקאב** שליט"א
מנהל מוסדותינו בעיה"ק ירושלים תובב"א

**יום חינוך הטהור**
למען קיום מוסדותינו הק'
"יטב לב דרבינו יואל"
שהם יסוד החינוך הטהור
בארץ הקודש

**מוסדות יטב לב באה"ק**

**ג' בחוקותי**
אין "מחזיקי הדת"

# א קוואל פון ישועות און רפואות

## אין זכות פון מוסדות יטב לב

יא, אזוי ווי איר הערט, טאקע דאהי אין לאנדאן, ביי אייער׳ס א שכן, ביי ענקערע קרובים, ידידים, גוטע פריינד, האבן מיר בייגעוואוינט פיל-צאליגע ישועות וואס מענטשן זענען געהאלפן געווארן אין אלע ענינים אין זכות פון שטיצן און ארויסהעלפן די הייליגע צדקה פון מוסדות יטב לב.

די עסקנים שיחיו הערן כסדר צוריק גריסן פון פארשידענע נדיבים בעם וואס זעהן בחוש אז די מוסדות יטב לב איז זייערע שליסל און מיט דעם עפנט מען אויף אלע ישועות, און וועגן זיי דארפן געהאלפן ווערן מיט וואס אימער ווייסן זיי שוין אז די אדרעס איז ״מוסדות יטב לב בארה״ק״.

מיר ברענגען דא אראפ עטליכע עפיזאדן, למען ירא הקהל וישפוט צו זעהן ווי אזוי אט די הייליגע צדקה פון מוסדות יטב לב איז ממש א קוואל פון ישועות און רפואות:

א חשובער יונגערמאן דאהי אין ענגלאנד האט געהערט פון די הייליגע סגולה, האט ער מחליט געווען איבערצוגעבן א סומע געלט פאר די עסקנים און דערביי איבערגעגעבן א נאמען פון זיינס א שוואגער וואס האט זיך געניטיגט אין א ישועה געהאלפן צו ווערן בזש״ק זייענדיג עטליכע יאר נאך זיין חתונה און איז נאנישט געהאלפן געווארן, דער חשובער עסקן האט גענומען די נדבה פון דער נדבן און ווארעם אנגעוואונטשן ער זאל בקרוב געהאלפן ווערן, און איבער א יאר למזל טוב איז געבוירן געווארן א יונגעלע.

די געוואלדיגע סגולה אויף עניני רפואה ווי פארשטענדליך קען מען נישט אראפ-ברענגען צופיל פרטים אויפן פאפיר, אבער עס איז ברייט באקאנט, פיל אידן זענען שוין געהאלפן געווארן און ארויס געקראכן פון שווערע ״פעקלעך״ דורכ׳ן שטיצן די מוסדות הקדושים יטב לב אין ארצינו הקדושה.

פיל תומכים און נדיבי לב זעהן א וואונדערליכע סייעתא דשמיא וועלכע באגלייט זיי ביי די ביזנעס און זעהן א זעלטענע הצלחה דורכ׳ן שטיצן מוסדות יטב לב, איינער פון די חשובע נדבנים האט געהאט גאר א שווערע תקופה מיט די רעגירונג און די שטאט האט געפאדערט פון איהם גרויסע סומעס געלט און פעינטיל׳ס, דער איד האט זיך אויסגערעדט דאס הארץ פאר איינע פון די עסקנים פון מוסדות יטב לב איבער זיין מצב, נאכ׳ן זיך באשטייערן מיט א סכום הגון האט איהם דער עסקן אנגעוואונטשן און גלייך די נעקסטע טאג האט ער באקומען א ידיעה אז עס איז געגנצליך אפגעווישט געווארן דעם פעינטיל׳ס וויבאלד דער וואס האט תובע געווען פון איהם די געלט האט זיך אפגעזאגט און א צווייטער גוי האט גענומען די קעיס און האט נישט געפאדערט די געלט.

א ענדליכע מעשה האט פאסירט כסלו תשס״ט ביי א חשובע נדבן דאהי אין לאנדאן וואס האט געהאט שטארקע פראבלעמען מיט א פלעט און האט עס פרובירט צו פארקויפן און עס האט זיך נישט געמאכט איינער זאל עס קויפן. אין יענע צייט זענען די עסקנים ארויף צו איהם און געבעטן א נדבה פון **1000 $** פאר די הייליגע מוסדות יטב לב, דער נדבן האט זיך אפגערעדט איבער זיין גורל און האט צוגעלייגט אז אויב וועט די פלעט ווערן פארקויפט וועט ער זיך באשטייערן מיט דעם סכום פון **1000$**. די נעקסטע אינדערפרי איז א גוי געקומען פאראהאנדלען איבער די דירה, דער נדבן האט פרובירט אזוי ווי די שטייגער איז, און געטריבן א הויכן פרייז, און האט ביי זיך געטראכט אז דער גוי וועט אראפהאנדלען, ווי ערשטוינט איז ער געווארן ווען די גוי האט תיכף ומיד באצאלט כסף מלא א פעטע פרייז, אין ווי פארשטענדליך האט ער מוסיף געווען א שיינע נדבה פאר מוסדות יטב לב.

# מוסדות יטב לב

דרבינו יואל מסאטמאר בארה"ק ת"ו

נתייסדה ע"י כ"ק מרן רביהקוה"ט זיע"א
ובנשיאות כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

הזמנה פרטית

בכבוד הראוי ווילן מיר אייך העפליך לאדענען זיך צו באטייליגן פערזענליך ביי אונזער יערליכן

## צענטראלן דינער - ומעמד חינוך הטהור

למען קיום מוסדותינו הק' שהם יסוד החינוך הטהור בארה"ק

וואס וועט פארקומען ברצו"ה במעמד קהל רב, רבנן ותלמידיהון, גדולי רבני העיר שליט"א

## דינסטאג פרשת בחוקותי הבעל"ט

אום 8:30 אווענט

## אין זאל פון "מחזיקי הדת"

17 Northumberland St.

יומא דהילולא של
התנא רבי מאיר בעל הנס זי"ע

**יושב ראש המעמד**

הרבני הנגיד והנכבד, רודף צדקה וחסד
מוה"ר **אשר זעליג לעוו** הי"ו
חבר הנהלת מוסדותינו הק' בלאנדאן יע"א

**דברי ברכה**

הגה"צ
**מרא דאתרא**
שליט"א

**דבר המעמד**

הגה"צ
**אב"ד דקהילתינו**
שליט"א

**נואם הכבוד**

אורחינו הגדול
פרי צדיק עץ חיים
הגה"צ
הרב **יוסף בנימין וואזנער**
שליט"א
אב"ד ור"מ קיט"ל ד'סאטמאר לאנדאן יע"א

**דבר מוסדותינו בארה"ק**

הרב **ישכר יאקאב**
שליט"א
מנהל מוסדותינו בירושלים ת"ו

**הסעודה נתנדב**

לעילוי נשמת הרה"ח
ר' **משה שמואל פריעדמאן** ז"ל
ב"ר מנחם מאניס ז"ל

## זמן גורל



קומט צייטליך צום דינער
**ביז 9:15**
און נייט אריין אין א גורל אויף
**א טיקעט קיין אמעריקע**
להסתופף בצל הקודש פון כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
אויף יו"ט שבועות הבעל"ט

*Terms and conditions apply

## מתנה למשתתפים

קומט און נעמט אהיים
**א ספעציעלע אינהלטסרייכע מתנה**
פאר אייך און פאר אייערע קינדער

## מתן שכרה בצדה

**א רייכע אויסוואהל פון מתנות**



# SEAFLIGHT LTD.

## ECONOMICAL PRICES
## WORLDWIDE
## FIRST & BUSINESS CLASS

YOUTH & STUDENT
FARE SPECIALISTS

**CALL NOW FOR SPECIAL OFFERS!!**

**OPEN SUNDAYS,**
**BANK HOLIDAYS & MOTZEI SHABBOS**

**TEL: 020 8806 0953**
**FAX: 020 8806 5357**



# בדידי הוה עובדא

בריוו פון לייענער

## בעתו ובזמנו...

**צו מיין ידיד נאמן.... עסקן לטובת מוסדות יטב לב.**

מעשה שהי' כך הי'. מיין טייערער זון איז שוין ב"ה א חתן געווארן בשטומ"צ, און עס איז זיכער מיין וואונטש אז איך זאל פון איצט און ווייטער זען נאר נחת.

מן השמים האט זיך אזוי צוגעפירט, אז ביז איצט האט די זאך זיך געצויגן לענגער ווי גערעכטן... מיין זון נ"י איז שוין היבש איבער די "בן שמנה עשרה לחופה" און מיט האפענונג האב איך ארויסגעקוקט אז מען זאל שוין ענדליך טעלער-ברעכן ביי זיין ווארט-תנאים.

זעענדיג אז... עס גייט נישט, האב איך געוואלט פרובירן דעם "מפעל החזקת מלמד" איבער וואס מען רעדט לעצטענס אזויפיל. כ'האב אנגערופן אין אפיס פון מוסדות יטב לב, און געבעטן אפצוקויפן דעם זכות פון די קומענדיגע וואך. איך האב שוין געזען די ישועה פאר די אויגן, אבער... איך בין אנטוישט געווארן, ווייל מ'האט מיר געזאגט, אז פאר אנדערהאלבן חודש איז שוין נישט דא קיין איין ליידיגע וואך וואס איך קען נאך אפקויפן...

נו, אז מען הייסט פון הימל ווארטן, ווארט מען... כ'האב נישט געוואלט ווארטן ביז אן אנדערער כאפט מיך אויס, און אויפן ארט האב איך אויסגעצאלט דעם "החזקת מלמד" אויף אנדערהאלבן חודש ארום. און...

יענע וואך, טאקע די וואך ווען די קינדער האבן מתפלל געווען פאר מיר, און די וואך וואס דער זכות פון זייער לימוד התורה, אמן'ס און ברכות איז געווען מוקדש פאר מיין משפחה, געווי אינמיטן יענע וואך איז מיין זון ב"ה א חתן געווארן!

איך האף אז די שורות וועלן דיר זיין א חיזוק אנצוגיין מיט דיין עבודת הקודש.

**ידידך ש. מ. פ.**

## צוויי פאר תפילין אפגעפונען ב"ה

**לאמיך אייך איבערגעבן די מעשה כמו שהי'.**

אויף פארגאנגענעם שבועות האט געוויילט דאהי אין קרית יואל ידידי הנאמן הרה"ח ר' ישכר יאקאב הי"ו מנהל מוסדות יטב לב אין ירושלים עיה"ק, וואס אלס נאנטער ידיד קען איך מעיד זיין אז דער טיטול "מסירת נפש עסקן" איז גארנישט איבערגעטריבן אויף אים.

שמועסענדיג מיט ר' ישכר הי"ו האט ער מיר דערציילט אן אינטערעסאנטע זאך ווי אזוי אן "ארץ ישראל איד" איז וואונדערליך צוויי מאל געהאלפן געווארן דורכן שטיצן די פושקע פון מוסדות יטב לב. ומעשה שהי' כך הי'. דער איד וואוינט אין ירושלים עיה"ק וואו ער פירט אן מיט א וויכטיגע "טעלפאן-ליניע" מיט דרשות און מעלדונגן, וואס ווערט מיטגעהאלטן דורך טויזענטער אידן איבער גאנץ ארץ ישראל און אלוועלטליך. ביי א געלעגנהייט איז ער געפארן אויף א שמחה קיין בני ברק, און דארט אין בני ברק האט ער צו זיין שאק באמערקט, אז... איננו. זיין סעלפאן איז נישט דא!. דאס איז נישט סתם א טעלפאן. אין דעם טעלפאן איז דאך תלוי זיין גאנצע פרנסה!.

זייענדיג אנגעצויגן ביים זוכן זיין סעלפאן מיט אזא אימפעט, האט דער איד זיך פלוצים דערמאנט די "סגולה נפלאה" וואס איז לעצטענס שטארק נתפרסם געווארן... נעמליך שטיצן די פושקע פון מוסדות יטב לב בארה"ק. סבר וקבל. דער איד האט גלייך ארויסגענומען א סכום געלט, עס אריינגעווארפן אין די יטב לב פושקע, און... ביז א מינוט-צוויי האט ער שוין געהאט צוריק זיין סעלפאן אין די האנט. ווי אזוי? גיי פרעג קשיות אויף יטב לב... אזוי איז געווען.

ווערענדיג באקאנט מיט די סגולה נפלאה פון די "יטב לב פושקע" דערמאנט זיך דער איד, אז שוין אריבער דרייפערטל יאר צייט וואס זיין טלית-ותפילין איז אים פארלוירן געווארן, און וויפיל ער זוכט עס קען ער עס בשום אופן נישט טרעפן. ער האט שוין אויסגענוצט זיינע קאנטאקטן מיט צייטונגען און מיט קהלות ומוסדות התורה, מפרסם צו זיין זיין פארלוסט אין זייערע תורה-בלעטער, אבער מיט ווייניג ערפאלג. ער האט אויך אנגערופן אלע סוחרים פון תשמישי קדושה, זיי צו פרעגן אויב מען האט זיי נישט אפשר אנגעטראגן אפצוקויפן טלית ותפילין מיט דעם און דעם נאמען. אבער אומעטום האט ער געקריגן דעם זעלבן ענטפערן "ניין".

נו, אז די יטב לב פושקע איז אזא סגולה נפלאה, האט ער אויפן ארט צוגעזאגט שוין א גרעסערן סכום פון הונדערט שקל, אלס סגולה אז ער זאל טרעפן זיין טלית ותפילין. עס גייט נישט דורך מער ווי געציילטע טעג, און ביים שוועל פונעם ביהמ"ד "ברך משה" שע"י קהלתינו הק' אין ירושלים באווייזט זיך א ספרד'ישער איד, וועלכער קומט געווענליך נישט דאווענען ביי אונז אין ביהמ"ד. ער דערציילט אז ער פירט אן א גרויסע געשעפט פון עלעקטעראניקס אויף די מלכי ישראל גאס אין ירושלים, און שוין כמעט א יאר צייט וואס ביי אים אין געשעפט ליגט א טלית-ותפילין בייטל. ער האט זיך שוין פאראינטערעסירט ביי הונדערטער קונדן, אויב זיי ווייסן אפשר פאר וועמען דאס געהער, אבער קיינער האט אים נישט געקענט העלפן טרעפן דעם פארלירער.

"פונקט היינט" דערציילט ער, איז מיר בייגעפאלן צו קומען דא אין ביהמ"ד. דארט אין ביהמ"ד ברך משה איז שטענדיג דא א גרויסער פארקער פון מתפללים, אפשר דאווענט דער וואס האט עס פארלוירן אין דעם ביהמ"ד.

וכך הוה, דער איד דאווענט טעגליך אין ביהמ"ד ברך משה, און ביז געציילטע מינוט איז דער שידוך געשלאסן געווארן... דער פארלירער האט זיך געטראפן מיטן טרעפער, וועלכער האט מקיים געווען די גרויסע מצוה פון "השבת אבידה" אפגעבענדיג די תפילין. "מוסדות יטב לב" איז קלאר געווען דער שדכן...

ע"כ המעשה וואס איך האב געהערט פון ר' ישכר הי"ו, אבער הערענדיג דעם סיפור האט מיר אויפגעליצט אויפן געדאנק. א חבר מיינער וועמענס נאמען איך האב לעצטענס עטליכע מאל געזען עדווערטייזט, אז... ער האט פארלוירן זיין טלית ותפילין, און איבער די שפאלטענס פון די אויסגאבעס, פרעגט ער פונעם ציבור אויב איינער האט עס נישט מעגליך געטראפן.

געטראפן האב איך עס נישט, אבער ארויסהעלפן קען איך דאך אים. כ'האב אים דערציילט די מעשה דברים כהווייתן. דער חבר מיינער האט גלייך געטון די סגולה וואס איך האב אים דערציילט, און ביז עטליכע טעג האב איך אים שוין געזען דאווענען מיט א שיינעדן געזוכט, צוליב וואס עס איז געווען דער ערשטער טאג נאך עטליכע חדשים, וואס ער ב"ה גדאווענט מיט אייגענע טלית ותפילין!

ב"ה

# קומט צייטליך צום דינער
# ביז 9:15

## און גייט אריין אין א גורל

**אויף א טיקעט קיין אמעריקא**

צו כ"ק מרן רבינו שליט"א

## און טראגט אהיים

**ספעציעל אינהאלטסרייכע מתנה**

פאר אייך און פאר אייערע קינדער

## און אויך איז צוגעגרייט

**א רייכע אויסוואל פון מתנות**

פאר די אלע וואס באטייליגן זיך
אינעם "מפעל "החזקת המלמד"

# בדידי הוה עובדא

## דערציילט דורך מרן רבינו שליט"א אצל דינער לטובת מוסדות יטב לב בארה"ק

...ס'איז ידוע פאר יעדן איינעם די חביבות פון מוסדות יטב לב ביים פעטער ז"ל און ביים טאטן ז"ל די אלע יארן.

איך וויל פארציילן דא ברבים א מעשה וואס כ'האב געהערט יענע וואך. ס'איז אריינגעקומען צו מיר א משפחה און זיי האבן מיר דערציילט א מעשה, וואס בדידי' הוה עובדא. זיי זענען די בעלי המעשה.

ס'האט פאסירט ביי זיי - ס'זאל נישט פארקומען - דער מאן דער ראש המשפחה, א יונגער מענטש איז נעבעך קראנק געווארן מיט זייער א ביטערע מחלה. איך דארף נישט מסביר זיין וואס דאס האט געמיינט, ס'האט צובראכן די שטוב, ס'איז זייער שווער געווען, א שטוב מיט קינדער.

מיט די צייט איז מען געקומען מ'זאל מתפלל זיין, און ער איז דורך די אלע ביטערע רפואות, קיין שום איד זאל דאס נישט וויסן, די גאנצע זאך, ער האט פארלוירן די בארד מיט אלע פירושים.

דער אויבערשטער האט אים געהאלפן אז עס איז אים בעסער געווארן, און ער איז געזונט געווארן. אבער די דאקטוירים האבן געזאגט אז בדרך הטבע נאך די רפואות וועט ער קיין קינדער מער נישט האבן. אזוי האבן דאקטוירים געזאגט.

מ'האט אים אנגעטראגן צו מאכן א מסיבה פאר מוסדות יטב לב. אזוי ווי ער איז געזונט געווארן, עס איז אים בעסער געווארן, זענען געקומען די עסקנים און געבעטן צו מאכן א מסיבה. ער מיט די גאנצע משפחה האבן זיך אריינגעלייגט בלב ונפש, און זיי האבן געמאכט א מסיבה, א געלט אקציע פאר מוסדות יטב לב.

עס איז נישט אריבער קיין יאר נאך די מסיבה, און איז אים געבוירן געווארן א קינד!

דער דאקטאר וואס האט אים באהאנדעלט האט געזאגט ער גלייבט נישט. ער איז אראפגעקומען צו אים אהיים, ער מוז קומען זען דאס קינד. ער גלייבט דאס נישט. ער גלייבט נישט וואס ער האט געהערט, ער מוז קומען זיך עס איבערצוציינגן מיט די אייגענע אויגן.

**די משפחה איז ביי מיר געווען יענע וואך, און זיי האבן מיך געבעטן איך זאל פארציילן די מעשה ברבים. זיי פילן א פליכט, אן הכרת הטוב פאר מוסדות יטב לב פאר די ישועה וואס זיי האבן געהאט פון די מוסדות, האבן זיי געבעטן איך זאל פארציילן די מעשה ברבים, מ'זאל וויסן די כח און סגולה פון צדקת יטב לב בארה"ק; דעם שכר פון די עושים והמעשים, די וואס זענען נמנה לדבר מצוה, וממנו ילמדו וכן יעשו אין פריידן און אין ליידן.**



כולנו!
דינער השנתי
י"ד אייר - פסח שני
יומא דהילולא של התנא האלוקי רבי מאיר בעל הנס
באולם "מחזיקי הדת"
מעמד חינוך הטהור
תחי גודל למקדשי השם!
Design by: HAMATIK 718-782-1391